בסייעתא דשמיא

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

פרשת וישב כ"ב כסליו תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון י"ב

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.......................4:12
מוצאי שבת קודש.......................5:43

## א מעשה פון תפלה

### יוסף שניטצלער

פארגאנגענעם מיטוואך האב איך געוואלט גיין הפצה אין קרית יואל אבער איך האב געהערט אויף די וועטער אז עס גייט פאלן א גרויסע שניי, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל נישט שנייען און איך זאל קענען רואיג פארן פון שטעטל צו קרית יואל, און די אייבערשטער האט געהאלפן עס האט נישט געשנייט און איך האב געקענט מאכן הפצה אויף א גרויסע פארנעם. שכח אייבערשטער!

### יעקב משה אינדארסקי

פאריגע וואך פרייטיג בין איך געווען אין מאנהעטן איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען אנקומען געגוג צייטליך אין שטעטל און איך זאל נאך האבן צייט צו געבן פאר אלע משפחות אין שטעטל די גליון היכל הקודש און אזוי אויך די בלעטל פון די שטעטל אזוי ווי איך טוה יעדע וואך, און די אייבערשטער האט געהאלפן אז איך בין אנגעקומען געגוג צייטליך אין שטעטל ברוך השם.

### אברהם הערש וועבערמאן

מיין ניי געבוירן קינד האט נאך געדארפט זיין אין שפיטאל פאר א שטיק צייט נאכן געבורט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל אים שוין קענען אהיימנעמען, איין טאג האבן זיי שוין געזאגט אז מען גייט שוין קענען אהיימנעמען אבער שפעטער האבן זיי צוריק געצויגן און געזאגט אז מען דארף נאך ווארטן, האב איך נאכאמאל אנגעהויבן צו בעטן דעם אייבערשטן ער זאל שוין קענען אהיימקומען געזונט און שטארק, און ברוך השם אז גלייך נאכדעם האבן זיי צוריק געקאלט אז מען קען שוין קומען אהיימנעמען די קינד. שכח אייבערשטער !

## נייעס אין שטעטל

### שיינע שמחה ביים חשובע מנהל שליט"א

מוצאי שבת וישלח איז פארגעקומען די וואכנאכט ביי מנהל שליט"א צו די געבורט פון זיין זוהן למזל טוב ווי אלע אנשי שלומינו אין שטעטל זענען זיך געקומען באטייליגן און זיך מיטפרייען מיט די שמחה, מען האט זיך געוואשן צו מלוה מלכה און דערנאך האט מען געזינגען זמירות, ווי אויך זענען געקומען צו פארן א צאל פון די משפחה ווי זיי האבן געשמאק פארברענגט ביז שפעט אין די נאכט.

זונטאג צופרי איז געקומען א גרויסע עולם פון משפחה און אזוי אויך א גרויסע ציבור פון אנשי שלומינו פון קרית יואל און וויליאמסבורג, מען האט געדאווענט 8:00 אזייגער צופרי דערנאך איז פארגעקומען די ערשטע ברית אינעם שטעטל **קרית ברסלב ליבערטי, ויקרא שמו בישראל אליעזר שלמה נ"י.**

דערנאך האט מען זיך געוואשן צום סעודת ברית, ביי די סעודה האט די בעל שמחה ארומגערעדט כשם שנכנס לברית אזוי ווי ער איז אריין בברית בתמימות אן קיין חכמות כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים ער זאל בלייבן מיט די תמימות א גאנצע לעבן און טוהן די מצות מיט א פרישקייט יעדן מאל פונדאסניי אזוי ווי די הייליגע רבי לערנט אונז אויס.

סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל אמן.

**מודעה**

מיט גרויס פרייד ווילן מיר מעלדן אז
**די ראש ישיבה שליט"א**
וועט זיך אויפהאלטן אויף דעם
**שבת קודש פרשת וישב הבעל"ט**
דאהי אין שטעטל.

# בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת כי תשא, פורים קטן, י"ד אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר.

איך האב מיר זייער מחי' געווען צו רעדן מיט דיר און הערן פון דיר אז דיין זון ... נרו יאיר גייט היינט מסיים זיין די ערשטע מאל ששה סדרי משנה; וואו אויף דער וועלט איז דא אזא זאך, אז א קינד פון ניין יאר איז מסיים ששה סדרי משנה? איך וועל אים שרייבן א חיזוק בריוו ער זאל שוין אנהייבן נאכאמאל משניות.

נאך מער פריי איך זיך צו הערן אז דיין זון הבחור ... נרו יאיר פארשפרייט ווייטער גליונות אין לאנדאן יעדן ערב שבת; מען קען זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון מחזק זיין און מקרב זיין נאך א איד צום אייבערשטן.

איך האב געליינט אין די תולדות פון חסידי חב"ד ווי זיי האבן זיך מוסר נפש געווען אין רוסלאנד דורכאויס די שווערע ביטערע יארן פון קאמוניזם ווען די רעגירונג האט נישט געלאזט האלטן אידישקייט, און אויב מען האט געכאפט א איד פארשפרייטן אידישקייט האט מען באצאלט פאר דעם מיט'ן לעבן. איז געווען א איד מיט'ן נאמען ר' בערקע חן זכרונו לברכה, א שטיק מסירות נפש איד! ער איז געווען באהאלטן אין א שטוב פון וואו ער איז נישט ארויס געקומען פאר לאנגע יארן, שבת פלעגט מען זיך צוזאמקומען שטילערהייט ביי אים אין שטוב וואו ער איז געווען באהאלטן זיך צו מחזק זיין מיט אמונה און בטחון. דער ר' בערקע פלעגט אויסזאגן יעדן שבת גאנץ תהילים, איז אמאל אריין געקומען צו אים אין שטוב א בחור און אים געזאגט די פאלגענדע ווערטער: "ר' בערקע איר זענט נישט גערעכט מיט דעם וואס איר נעמט דעם גאנצן גן עדן פאר אייך; פארוואס זאלט איר דאס נישט פארגינען פאר אונז בחורים? מיר זענען זיך מוסר נפש אהער צו קומען הערן אביסל ווערטער פון אמונה און איר זיצט זיך פארשפארט מיטן תהילים?!" האט ר' בערקע גלייך פארמאכט דעם תהילים און פארברענגט מיט די בחורים.

דאס זאג איך דיר אויך, אז דער אייבערשטער האט דיר געהאלפן דו האסט זיך דערוויסט פון הייליגן רבי'ן, פון זיינע זיסע עצות און פון דעם סדר דרך הלימוד, ווי דו שרייבסט מיר יעדן טאג דיינע סיומים וכו', האב איך דאס מערסטע הנאה פון דעם אז דו מיט דיינע קינדער זענען עוסק אין הפצה, אז דו האלסט נישט דעם גאנצן גן עדן בלויז פאר דיר אליינס, נאר דו **פארגינסט א שטיקל גן עדן פאר נאך א איד.**

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת ויצא, ה' כסליו, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.

דאווענען מיט מנין איז זייער גרויס און זייער וויכטיגע, אבער וויסן זאלסטו אז נאך גרעסער און נאך וויכטיגער איז אוועק **שטעלן א מנין אין רבינ'ס בית המדרש.**

אז דו וועסט זיין שטארק צו קומען יעדן טאג אינדערפרי' מיט נאך אפאר חברים דאווענען אין צייט וועסטו זען אז ביז א קורצע צייט וועט איר האבן א גרויסע מנין, און דער זכות וועט זיין דיינס.

דעריבער, אז דו שטייסט אויף שפעט וכו', דעמאלט זאלסטו זוכן א מנין וכו', אבער אז דו ווילסט קובע זיין א מנין זאלסטו נישט קוקן אויף דעם וואס עס איז נישט דא פונקט מנין יעדן טאג, נאר שטיין ביים עמוד מיט אן עקשנות יעדן טאג אין צייט, וועסטו זען אז דו וועסט האבן גרויס מנין.

איך שרייב דיר דאס פון נסיון; איך בין דאס אריבער ווען מען האט אויפגעמאכט דעם בית המדרש אין וויליאמסבורג, מען האט זיך זייער געמוטשעט מיט מנין. דעמאלט האב איך אנגעהויבן דאווענען אין צייט אפילו אן מנין, יעדן שבת אינדערפרי' אום ניין אזייגער בין איך געשטאנען ביים עמוד איינער אליינס ביז נשמת, אמאל ביז ברכו און אמאל ביז שמונה עשרה. ביז א קורצע צייט איז געווען א שיינע קביעות'דיגער מנין.



ווינטער תש"פ

